**סטודענט-הלוואה אָנטלײַער ביל פֿון רעכט**

**אַלע סטודענט-הלוואה אָנטלײַערס אין שטאַט ניו יאָרק האָבן רעכט צו:**

1. פּרטימדיקע פֿינאַנציעלע הילף סטיפּענדיע בריוון פֿון שולן אין ניו יאָרק.
2. קלאָרע, פֿינטלעכע און פֿולשטענדיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן די תּנאָים פֿון אײַער הלוואה.
3. אינפֿאָרמאַציע וועגן אַבי וועלכע הלוואה-צוריקצאָל פּלאַנען און מעגלעכקײַטן, וואָס זענען בנמצא.
4. אינפֿאָרמאַציע וועגן אַבי וועלכע אויסשרײַב, מחילה און אַנולירונג מעגלעכקײַטן, וואָס זענען בנמצא.
5. אַז הלוואה אײַנצאָלן זאָל מען פֿאַררעכן צו אײַער חשבון אין אופנים, וואָס זענען די סאַמע גוטטויִקע פֿאַר אײַך.
6. קענערע קונים-באַדינונגע-פֿאָרשטייערס, וועלכע באַגייען זיך מיט דרך-ארץ און מיט יושר צו אײַך.
7. פּרטימדיקע געשיכטעס פֿון הלוואה-חשבוות, וואָס זענען גרינגערהייט און זיכער צוטריטלעך אָנליין.
8. גלאַטיקע איבערווײַזן אויב אײַער הלוואה איז באַדינט דורך אַ נײַער פֿירמע.
9. פּינקטלעכע צאָלונג-געשיכטעס באַריכט צו קרעדיט-אַגענטורן.
10. אָפּרופֿן אויף טענות, וועלכע איר לייגט פֿאָר צו אײַער באַדינער.

**1. פּרטימדיקע פֿינאַנציעלע הילף סטיפּענדיע בריוון פֿון שולן אין ניו יאָרק.**

אויב איר דערלאַנגט אַפּליקאַציע פֿאַר פֿינאַנציעלער הילף כּדי צו גיין אין שול אין ניו יאָרק, מוזן די שולן פֿאַר אײַך שיקן אַ גלײַכפֿאָרמיקן אינפֿאָרמאַציע בלאַט וועגן פֿינאַנציעלע הילף סטיפּענדיעס , אַזוי אַז אײַער משפּחה און איר זאָלן האָבן די מעגלעכקײַט גרינגערהייט צו פֿאַרשטיין די קאָסטן פֿון אַ בילדונג, צו מאַכן אינפֿאָרמירטע פֿינאַנציעלע באַשלוסן און צו פֿאַרגלײַכן די פֿאַרשלאָגן פֿון פֿינאַנציעלער הילף פֿון פֿאַרשידענע שולן. די פֿינאַנציעלע הילף סטיפּענדיע בריוון  מוזן אַרײַננעמען געוויסע אינפֿאָרמאַציע, אַזאַ ווי די גאַנצע קאָסטן פֿון בײַזײַן פֿאַר דעם קומענדיק יאָר, אָפּשאַצטע קאָסטן פֿון פֿון בײַזײַן פֿאַר די קומענדיקע יאָרן, וועלכע זענען פֿאַרלאַנגט כּדי צו קריגן אַ דיפּלאָם, די גאַנצע סומע פֿון סטיפּענדיעס און שטודירגעלטן, פֿאַראויסגעזאָגטע הלוואה סומעס און דער גראַדוירונג-ניוואָ פֿון דער שול, הלוואה נישט-צאָלונג ניוואָ , און דורכשניטלעכן קורס פֿון סטודענט-חוב.

**2. קלאָרע, פּינטלעכע און פֿולשטענדיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן די תּנאָים פֿון אײַער הלוואה.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס זאָלן נישט פֿאַרקרימען אָדער אויסלאָזן קיין אינפֿאָרמאַציע, וואָס איז שייך צו אײַערע הלוואות, אַרײַנגערעכנט די תּנאים אָדער באַדינגונגען, דער קיום אָדער די סומע פֿון קאָסטן אָדער צאָלונגען, און אַבי וועלכע פּאָליטיקן, וועלכע זענען שייך צו מיטחתום-אַרויסלאָזן.

**3. אינפֿאָרמאַציע וועגן אַבי וועלכע הלוואה-צוריקצאָל פּלאַנען און מעגלעכקײַטן, וועלכע זענען בנמצא.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס זאָלן מוזן אײַך אינפֿאָרמירן וועגן אַלע און אַבי וועלכע הלוואה-צוריקצאָל פּלאַנען, צו וועלכע זענט איר ראָוי דורך פּראָמינענט שטעלן אינפֿאָרמאַציע אויף זייער וועבזײַטל, דורך פֿאַרזיכערן אַז זייערע קונים-באַדינונגע-פֿאָרשטייערס זענען גענוגיק אויסטרענירט, און דורך אַרויסשיקן יערלעכע אינפאַרמאציע-מעלדונגען.

**4. אינפֿאָרמאַציע וועגן אַבי וועלכע אויסשרײַב, מחילה און אַנולירונג מעגלעכקײַטן, וועלכע זענען בנמצא.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן אײַך אינפֿאָרמירן וועגן אַלע און אַבי וועלכע אויסשרײַב, מחילה און אַנולירונג פּראָגראַמען, צו וועלכע זענט איר ראָוי דורך פּראָמינענט שטעלן אינפֿאָרמאַציע אויף זייער וועבזײַטל, דורך פֿאַרזיכערן אַז זייערע קונים-באַדינונגע-פֿאָרשטייערס זענען גענוגיק אויסטרענירט, און דורך אַרויסשיקן יערלעכע אינפאַרמאַציע-מעלדונגען.

**5. אַז הלוואה אײַנצאָלן זאָל מען פֿאַררעכן צו אײַער חשבון אין אופנים, וואָס זענען די סאַמע גוטטויִקע פֿאַר אײַך.**

כּדי צו פֿאַרמינערן די קאָסטן פֿאַר סטודענטן און זייערע משפּחות, אויב עס איז נישט ספּעציפֿיצירט אין אײַער הלוואה-אָפּמאַך, סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן אײַך פֿרעגן ווי אַזוי וואָלט איר, אַז מע זאָל פֿאַררעכענען אַבי וועלכע ניט-פּאַסיקע צאָלונגען - וועלכע זענען גרעסער אָדער וויניקער ווי דער חודשלעכער צאָלונג - פֿאַר אײַער חשבון. אויב איר שטעלט ניט צו אַ ספּעציפֿישן אופן צו פֿאַררעכענען די צאָלונג, באַדינערס מוזן פֿאַררעכענען די צאָלונג אין אײַער בעסטן אינטערעס. דאָס הייסט, צום בײַשפּיל, פֿאַררעכענען איבערצאָלונגען פֿאַר דער הלוואה מיט דער העכסטער

ריבית, כּדי צו פֿאַרזיכערן, אַז עס איז באַצאָלט ווי באַלד ווי מעגלעך און פֿאַררעכענען אונטערצאָלונגרען אין אַן אופן, וואָס מינימיזירט פֿאַרשפּעטיק-געלט און נעגאַטיווע קרעדיט באַריכטן.

**6. קענערע קונים-באַדינונגע-פֿאָרשטייערס, וועלכע באַגייען זיך מיט דרך-ארץ און מיט יושר צו אײַך.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן פּראָמינענט שטעלן אַ מעלדונג אויף זייער וועבזײַטל וועגן אַן אָן-אָפּצאָל נומער, וואָס איר קענט רופֿן כּדי צו דיסקוטירן אײַערע הלוואות מיט אַ לעבן קונים-פֿאָרשטייער. די דאָזיקע פֿאָרשטייערס מוזן זײַן אויסטרענירט און קענערע וועגן אַבי וועלכע צוטריטלעכע הלוואה-צוריקצאָל פּלאַנען אָדער אַבי וועלכע אויסשרײַב, מחילה און אַנולירונג פּראָגראַמען. עס איז אַ חילול פֿון שטאַט ניו יאָרק געזעץ פֿאַר אַ סטודענט-הלוואה באַדינער אָדער זייער פֿאָרשטייער צו אָנטיילנעמען אין אַבי וואָסער אומלעגאַלן, פֿאָרפֿירערישן , זידלערישן אָדער באַפֿאַלערישן אויפֿפֿיר, אַזאַ ווי פֿאָרצוקרימען אָדער אויסלאָזן אַבי וועלכע אָפּציע צו וועלכע זענט איר ראָוי ווי אַ באָרגער אָדער אײַך אָצונפֿירן צו לענגערע און מער טײַערע צוריקצאָל פּלאַנען, ווי די דאָזיקע, צו וועלכע איר וואָלט אַנדערש זײַן ראָוידיק.

**7. פּרטימדיקע געשיכטעס פֿון הלוואה-חשבונות, וואָס זענען גרינגערהײַט און זיכער צוטריטלעך אָנלײַן.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן שטעלן צוטריטלעך אָנלײַן, שטענדיק און אָן אָפּצאָל אַ קלאָרן און פֿולשטענדיקן גאַנג פֿון רעקאָרדן פֿון יעדער פֿון אײַעריע הלוואות. די רעקאָרדן מוזן זײַן כּולל אַ באַריכט, וואָס באַשרײַבט יעדער פֿון אײַעריע סטודענט-הלוואות, וואָס מע באַדינט און דעם סטאַטוס פֿון יעדער הלוואה, ווי אויך די ריבית פֿון די הלוואות און דעם איבעריקן בילאַנץ.

**8. גלאַטיקע איבערווײַזן אויב אײַער הלוואה איז באַדינט דורך אַ נײַער פֿירמע.**

אויב אײַער סטודענט-הלוואה איז אַריבערגעפֿירט מחמת אַבי וואָסער סיבה פֿון איין סטודענט-הלוואה באַדינער צו אַן אַנדערן, די באַדינערס מוזן פֿאַרזיכערן, אַז אַלע באַטײַטיקע דאָקומענטן זענען ריכטיק אַריבערגעפֿירט, אַרײַנגערעכנט קאָפּיעס פֿון דעם שטר-חוב פֿון דער הלוואה, אַ פּלאַן פֿון געמאַכטע צאָלונג און אַלע רעקאָרדן פֿון קאָמוניקאַציע מיט אײַך. אין צוגאָב, נײַע סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן אָנערקענען און זײַן ממשיך פֿאָרצושלאָגן בענעפֿיטן, וועלכע פֿריערדיקע באַדינערס האָבן געמאַכט צוטריטלעך פֿאַר אײַך, אַרײַנגערעכנט בענעפֿיטן וואָס, וועלכע זענען צוטריטלעך געמאַכט, אָבער צו וועלכע איר זענט נישט געוואָרן ראָוידיק. לסוף סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן פֿאַר אײַך צושטעלן אַ מעלדונג פֿון אַבי וואָסער פֿאַרקויף, אַסיגנירונג אָדער אַריבערפֿיר פֿון אײַער הלוואה און מוזן פֿאַרענדיקן דעם פֿאַרקויף, אַסיגנירונג אָדער אַריבערפֿיר צו מינדסטן זיבן טעג איידער די קומענדיקע צאָלונג איז פֿעליק.

**9. פּינקטלעכע צאָלונג-געשיכטע באַריכט צו קרעדיט-אַגענטורן.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן באַריכטן בלויז פּינטלעכע אינפֿאָרמאַציע וועגן אײַער צאָלונג-פעולה צו קרעדיט-אַגענטורן.

**10. אָפּרופֿן אויף טענות, וועלכע איר לייגט פֿאָר צו אײַער באַדינער.**

סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן ענטפֿערן אויף אַבי וואָסער טענה, וואָס איר, אַ מיטחתמענער, אָדער אַן אויטאָריזירטן פֿאָרשטייער דערלאַנגט. סטודענט-הלוואה באַדינערס מוזן דערקענען, אַז זיי האָבן באַקומען די טענה, און דערנאָך מוזן אויספֿאָרשן און פֿאַרריכטן אַבי וואָסער טעות אין אַ באַשטימטער צײַט. איר קענט אויך דערלאַנגען אַ טענה צו דער שטאַט ניו יאָרק אָפּטיילונג פֿון פֿינאַנציעלע באַדינגונגען, וואָס וועט פֿאַרזיכערן, אַז דער סטודענט-הלוואה באַדינערס וועט אויספֿאָרשן און ענטפֿערן אויף דער טענה צו דער צײַט.